# סעקשאן 8 פראגראם אפדעיט
## מערץ 24, 2020

טייערע סעקשאן 8 פראפערטי אייגנטומער,

ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) זעצט ווייטער פאר צו ארבעטן מיט די NYC אפטיילונג פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC Departments of Health and Mental Hygiene) און עמערדזשענסי מענעדזשמענט ווי אויך אנדערע סיטי, סטעיט און פעדעראלע פארטמערס צו באאבאכטן די קאראנעווייררוס (COVID-19) און זיך האלטן צו עקזעקיוטיוו פאראדענונגען פון מעיאר Bill de Blasio און גאווערנאר Andrew Cuomo. די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע איינגעשטעלטע, פראפערטי אייגנטומער און אנטיילנעמער פארבלייבט א פריאריטעט בשעת מיר ענדערן פראגראם פונקציעס.

פאר אייער באנוץ און פלאנירונג, האבן מיר בייגעלייגט אן אפ-טו-דעיט סטאטוס פון סעקשאן 8 אפעראציעס אונטן.

אלס א דערמאנונג, דער אייגנטומער עקסטראנעט און זעלבסט סערוויס פארטעל וועט פארבלייבן אוועילעבל צו קענען ארייגעבן אנליין פארלאנגען, דאקומענטן, און סטאטוס אפדעיטס. צוליב שטאב סקעדזשול פארלאנגען, וועלן זיין פארשפעטיגונגען אין פראצעסירונג צייטן פאר פליכטן, אזוי ווי פרינטינג און פאסט פונקציעס. ווי ווייט מעגליך, ביטע באזוכט פון צייט צו צייט דעם זעלבסט סערוויס און אייגנטומער פארטעלס פאר אפדעיטס און פרינטינג פון סיי וועלכע נויטיגע דאקומענטן.

**ביטע באמערקט:** סעקשאן 8 אפעראציעס קענען זיך ווייטער טויש. באזוכט NYCHA'ס וועבזייטל (www.nyc.gov/nycha) פאר נאך אינפארמאציע.

- **קאסטומער קאנטאקט צענטער (Customer Contact Center, CCC)** אפעראציעס וועלן זיין אפגעשטעלט פאר סעקשאן 8 פארלאנגען בשעת די סיטי איז אונטער א סטעיט אוו עמערדזשענסי.
- **וואלק-אין צענטערן** זענען פארמאכט פארן פובליק בשעת די סיטי איז אונטער א סטעיט אוו עמערדזשענסי.
- **יערליכע און אינטערים ריסערטיפיקאציעס** וואס וועלן צוברענגען א העכערונג צום טענענט רענט טייל וועט ווערן פראצעסירט מיט א דאטום אריינצוגיין אין קראפט פון מאי 1, 2020 אדער שפעטער. דאס וועט פארמיידן דעם באלדיגן העכערונג פארן הויזגעזונד דורכאויס דעם צייט אפשניט.
- **אפליקאנט בארעכטיגונג אינטערוויוס** וועלן ווערן דורכגעפירט אויפן טעלעפאן.
- **אומפארמאלע קאנפערענצן** וועלן ווערן דורכגעפירט אויפן טעלעפאן
- **אינספעקציעס** וועלן נאר ווערן דורכגעפירט פאר נייע רענטל יוניטס. אלע אנדערע אינספעקציעס זענען געווארן אפגעשטעלט ביז א ווייטערדיגע מעלדונג. NYCHA פארלאנגט א וועיווער פון HUD אויף דורכפירן ווידער-אינספעקציעס און ביז מען באקומט אזא וועיווער, מוזן מיר זיך האלטן צו יעצטיגע פאליסי אויף אפשטעלונגען און רי-אינסטעיטמענטס.
- **ליעס באנייאונגען און קאנטראקט רענט ענדערונגען** קענען ווערן אריינגעגעבן אנליין און דורך אימעיל צו lrinfo@nycha.nyc.gov.
- **רענטל פעקעדזשעס** וועלן ווערן אנגענומען דורך אימעיל אויף s8.rtu@nycha.nyc.gov.
- **טערמינעישאן עקשאנס** זענען געווארן אפגעשטעלט בשעת די סיטי איז אונטער א סטעיט אוו עמערדזשענסי פאר אמווייניגסטנס 60 טעג. די צייט ראם וועט ווערן אפגעשאצט ווי נויטיג. דאס נעמט אריין טערמינעישאן עקשאנס פארבינדן צו יערליכע ריסערטיפיקאציע, אינספעקציע, און שווינדל.
- **טראנספער פארלאנגען** ווערן פראצעסירט. פונדעסטוועגן, וועט זיין א פארשפעטיגונג אין באקומען טראנספער וואוטשערס דורך פאסט. ביטע קוקט פון צייט צו צייט אויפן זעלבסט סערוויס פארטעל, וואו איר וועט קענען ארויסדרוקן וואוטשערס, אויב מעגליך.

- **אריינשיקן דורך פאסט אפציעס** פאר סעקשאן 8 אנטיילנעמער אן קיין אינטערנעט צוטריט:

| | |
|---|---|
| יערליכע איבערזיכט (AOI) דאקומענטן | PO Box 19196<br>Long Island City, NY 11101-9196 |
| רענטל טראנספער דאקומענטן | PO Box 19199<br>Long Island City, NY 11101-9199 |
| בריוו אדער פראגעס | PO Box 19201<br>Long Island City, NY 11101-9201 |
| פארטאביליטי דאקומענטן | PO Box 1631<br>New York, NY 10008-1631 |

מיר נעמען די וויכטיגע שריט כדי צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט. מיר מוטיגן סעקשאן 8 פראפערטי אייגנטומער צו טון דאס זעלבע דורך סאניטייזן ערטער וואו מען גייט אפט און וואס מען טיילט מיט אנדערע. אויב איר האט דאס נאך נישט געטון, זאלן פראפערטי אייגנטומער ענדערן זייערע רעגלמעסיגע מעינטענענס פראצעדורן צו אדרעסירן די ערטער עפטער.

מיר וועלן אייך ווייטער צושטעלן אפדעיטס אויף COVID-19 בשעת די סיטואציע וויקלט זיך אויף.

פאר נאך אינפארמאציע אויף COVID-19, באזוכט [nyc.gov/coronavirus](nyc.gov/coronavirus).

א דאנק פאר אייער קאאפעראציע.